# קויפּט-זשע פּאַפּיראָסן
# ווערטער: ל. ראָזנטאָל
# מוזיק: מישאַ וועקסלער

נו קויפּט-זשע פּאַפּיראָסן,
נו קויפּט-זשע סאַכאַרין!
געוואָרן איז היינט סחורה ביליק וווערט:
אַ לעבן פֿאַר אַ גראָשן,
אַ פּרוטה, אַ פֿאַרדינסט —
פֿון געטאָ-הענדלער האָט איר דאָך געהערט.

(רעפֿריין)
כ'הייס ישראליק, כ'בין אַ קינד פֿון געטאָ.
כ'הייס ישראליק, אַ הפֿקרדיקער יונג.
כאָטש פֿאַרבליבן גאָלע נעטאָ,
דערלאַנג איך אַלץ נאָך —
אַ סווישטשע און אַ זונג!

אַ מאַנטל אָן אַ קראַגן,
תּחתּונים פֿון אַ זאַק,
קאַלאָשן האָב איך — ס'פֿעלן נאָר די שיך.
און ווער עס וועט נאָר וואַגן
צו לאַכן, אוי, אַ סך —
דעם וועל איך נאָך ווייַזן ווער בין איך!

ניט מיינט מיך האָט געבאָרן
די הפֿקרדיקע גאַס,
ביי טאַטע-מאַמע אויך געווען אַ קינד.
כ'האָבביידע אָנגעוואָרן,
ניט מיינט עס איז אַ שפּאַס!
כ'בין געבליבן, ווי אין פֿעלד דער ווינט.

כ'הייס ישראליק,
נאָר ווען קיינער זעט ניט,
וויש איך שטיל פֿון אויג אַראָפּ אַ טרער.
נאָר פֿון מיין טרויער
בעסער אַז מען רעדט ניט,
צו וואָס דערמאָנען און מאַכן ס'האַרץ זיך שווער?